# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך

**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

**לֵךְ מֵעִמָּנוּ**
**כִּי עָצַמְתָּ מִמֶּנּוּ מְאֹד.**

בעזהשי״ת ▪ ויצא תשפ״א ▪ גליון קא׳


### ״איך דארף א שידוך״, ״איך דארף א ישיבה״, ״איך דארף א דירה״...
# ווי אזוי געבט מען זיך אן עצה?

**אונזער הייליגע מוטער לאה געלערנט אונז**
**ווי אזוי צו מאכן די אוממעגליך פאר מעגליך!**

---

דער אייבערשטער האט אוועקגעשטעלט דעם עולם הטבע אז מיר דארפן כסדר טוהן און עוסק זיין אין פארשידענע השתדלות׳ן כדי אנצוקומען צו אונזער ציל. אבער וואס געשעהט ווען מען פרובירט צו טוהן און... עס גייט נישט! ״איך וויל אריינלייגן מיין בחור אין א ישיבה אבער אין קול ואין עונה, מען מאכט זיך נישט וויסנדיג פון מיר. וויפיל איך פרוביר דורך שיקן דעם און יענעם, גייט עס נישט!״ אדער, ״איך זיך א שידוך, וויפיל איך פרוביר דורך שיקן דעם און יענעם, גייט עס נישט!״. דאס הארץ ווערט פארקלעמט מיט ווייטאג, ״וואס טוט מען? **ווי אזוי געבט מען זיך אן עצה?**״ וואס טוט א איד ווען זיין מצב קוקט אים אויס ״אוממעגליך״?

אין די וואכנדיגע פרשה, געפונען מיר ווי אזוי לאה אמנו האט איבערגעדרייט אלע דרכי הטבע און העכער אלע ערווארטונגען, געמאכט דעם אוממעגליך פאר מעגליך, נאר דורך **די געוואלדיגע כח פון תפילה**... תפילה איז דער אור-אלטע וואפן וואס כלל ישראל האט באקומען און איז די בעסטע און צומאל דעם איינציגסטע עצה אנצוקומען... אדרבא, איבערצייגט אייך אליין...

### לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען חיזוק פאר די וואך...

**וּלְלָבָן שְׁתֵּי בָנוֹת שֵׁם הַגְּדֹלָה לֵאָה וְשֵׁם הַקְּטַנָּה רָחֵל.**
(ויצא כט, טז)

דער פעטער לבן הארמי האט געהאט צוויי טעכטער, אן עלטערע מיידל העכער די צוואנציג מיטן נאמען ״לאה״ און א יונגערע מיידל, בערך פינעף אדער זיבן, מיטן נאמען ״רחל״. (עי׳ באוהח״ק, וי״א דתאומות היו עי׳ באוצר מפרשי התורה).

**וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת וְרָחֵל הָיְתָה יְפַת תֹּאַר.** (פסוק יז), ״לאה״ האט געהאט רויטע פארוויינטע אויגן און ״רחל״ איז געווען א יפת תואר.

פרעגט די גמרא (בבא בתרא קכג.): וואס איז פשט פון די ווערטער **ועיני לאה רכות?** אזוי צו פארשעמען לאה? מה דאך די תורה זאגט נישט די גנות פון א בהמה טמאה, די גנות פון אונזער מוטער לאה זאגט מען יא? ענטפערט רב: **ועיני לאה רכות** איז נישט קיין פארשעמונג. אדרבא, דאס איז א געוואלדיגע כבוד פאר איר ווייל עס ווייזט ארויס איר גאנצע חשיבות. **וועלכע חשיבות??**

## די מעשה פון יעקב מיט לאה...

רבקה אמנו, א שוועסטער פון לבן, האט געהאט צוויי זין, אן עלטערע און א יונגערע. דער עלטערע זוהן איז געווען זייער א ווילדער, איינער וואס דרייט זיך אין די גאסן און אין די וועלדער. דער יונגערע זוהן איז געווען אן איידעלע, איינער וואס זיצט און לערנט יום ולילה.

איר ברודער לבן, וואס וואוינט אין חוץ לארץ, האט אויך פונקט געהאט צוויי קינדער, צוויי מיידלעך, אן עלטערע און א יונגערע. אבער ביים אים איז שוין דער בילד געווען אביסל אנדערש, סיי דער יונגערע און סיי דער עלטערע זענעןביידע געווען איידעלע און ערליכע.

**דאס גאס האט גערעדט:** ״עס זענען דא צוויי משפחות קרובים, רבקה אמנו אין א״י און לבן אין חרן, וואס האבן אפגעמאכט צווישן זיך צו מאכן א בייט שידוך. . . רבקה האט צוויי זין און איר ברודער האט צוויי טעכטער. דער גרעסערע זוהן וועט גיין פארן גרעסערע טאכטער און די קלענערע זוהן פארן קלענערע טאכטער.״ די שמועות זענען ארום געפארן...

לאה האט אויך געהערט די שמועות און זיך אנגעהויבן אינטערעסירן, ״וועלכע סארט מענטש איז דער גרעסערע זוהן וואס מען זאגט אז איך גיי חתונה האבן מיט אים?״ זי הערט אז ער איז א שלעכטע מענטש, איינער וואס בא׳גנב׳ט מענטשן רח״ל. ״און וועלכע סארט מענטש איז דער קלענערע זוהן?״ זי הערט אז ער איז זייער א חשוב׳ע מענטש, ער זיצט און לערנט פלייסיג יום ולילה אין זיין געצעלטל. **לאה ווערט שאקירט!!!**

## "ווילסטו זאגן איך גיי חתונה האבן מיט דעם רשע מרושע?"

לאה האט אנגעהויבן וויינען און בעטן, "רבוש"ע, איך וויל נישט אזא סארט לעבן. איך וויל א לעבן פון תורה און אידישקייט!" זי האט געפאסט[א] טעג און וואכן, געוויינט און געשריגן צום אייבערשטען, **עד שנשרו ריסי עיניה**, ביז אירע אויגן זענען ממש קאליע געווארן פון אזויפיל וויינען...

**ויהי היום:** די שמועות זענען געווארן ערנסטער. יעקב קומט דעם לאנגן וועג צו זוכן א כלה און יא, ער וויל נעמען איינע פון לבן'ס טעכטער, פונקט ווי זיינע עלטערן האבן אים באפוילן. אבער וועמען?

**וְהִנֵּה רָחֵל בִּתּוֹ בָּאָה עִם הַצֹּאן.** פונקט אין די זעלבע צייט וואס יעקב אבינו איז אנגעקומען קיין חרן, ער האט נאך געהאלטן אינמיטן זיך נאכפרעגן ווי דער פעטער וואוינט, איז "רחל", דער יונגערע טאכטער מיט וועמען דער עולם האט געשמועסט אז ער גייט חתונה האבן, אים געקומען אנטקעגן. (אזא השגחה פרטיות! און טאקע ביי דעם ברינען, פונקט ווי די מעשה פון זיינע עלטערן ווען דער קנעכט אליעזר האט געטראפן זיין מאמע רבקה.)

### וְהִנֵּה רָחֵל בִּתּוֹ בָּאָה עִם הַצֹּאן

פארוואס איז דוקא דער קליינע מיידעלע געקומען מיט די שאף און נישט איר גרויסע שוועסטער? זאגט דער חזקוני: לאה איז נישט געקומען ווייל **עיני לאה רכות**, די ווינט און די לופט איז נישט געווען גוט פאר איר, דערפאר איז זי איז געזעצן אינדערהיים און געשעפשעט תפילה נאך תפילה אז זי זאל האבן א גוטע און ערליכע חתן.

יעקב האט זיך זייער געפריידט צו טרעפן זיין כלה אזוי גרינג און שנעל! ער אנערקענט איר איידלקייט און הייליגקייט און וויל איר געבן עפעס, צירונגען, מתנות, עפעס... אבער ער איז ליידיג! ער האט נישט קיין איין פרוטה ווייל אליפז, דער זוהן פון עשו, האט אים אלעס צוגענומען אינמיטן וועג. (עיי"ש רש"י)

**וַיִּשָּׂא אֶת קֹלוֹ וַיֵּבְךְּ.** יעקב האט אנגעהויבן וויינען אויפן קול, " איך האב גארנישט דיר צו געבן, איך ווייס נישט פארוואס די אומגליק איז מיר געשעהן אבער עס איז זיכער געווען לטובה..."

בלית ברירה, איז יעקב געגאנגען צו איר טאטן'ס שטוב און געשלאסן דעם געשעפט, ער וועט ארבעטן פארן פעטער זיבן גאנצע יאר, כדי אז ביים סוף וועט ער באקומען די קלענערע טאכטער פאר א כלה.

יעקב האט גלייך איינגעזעהן אז דער פעטער לבן קען מען נישט געטרויען און פרובירט זיך באווארענען פון אלע זייטן, ער וויל **רחל-בתך- הקטנה**. יעקב איז נאך אלץ נישט געווען רואיג מיט דעם פאפער... און האט איבערגעגעבן געהיימע סימנים פאר רחל צו פארזיכערן אז ער וועט באקומען דער כלה וואס מען האט אפגערעדט...

במשך די זיבן יאר, איז לאה געזעצן און געוויינט, געדאווענט און געבעטן, "הייליגע באשעפער, העלף אז איך זאל באקומען א מאן א צדיק. איך וויל זיין ערליך און איך וויל אויפשטעלן הייליגע אידישע דורות."

### לאמיר זיך אפשטעלן א מינוט און געבן א טראכט!

זעענדיג דעם מצב ווי אזוי עס פירט זיך ביז אהער...

**וויפיל מעגליכקייטן האט דען לאה געהאט איבערצודרייען איר גורל?**

עס איז נאר דא איין יעקב און דער גאנצע עולם רעדט שוין לאנג פון דעם אפגעמאכטע שידוך צווישן די משפחות אז יעקב וועט גיין פאר רחל! און אויב איז דאס נישט גענוג, האט נישט לאה צוגעזעהן ווי די חלום אנטוויקלט זיך מער און מער?! יעקב איז אנגעקומען קיין חרן און געטראפן וועמען? "רחל"! מיט וועמען וויל ער חתונה האבן? מיט "רחל"! פאר וועמען וויל ער ארבעטן זיבן יאר? רחל!! און אויב לאה האט געטראכט אז יעקב ווייסט נישט אז זי אקזעסטירט...

ניין! זי האט געוואוסט אז יעקב האט געזאגט קלאר פאר איר טאטן, "נאר דער קלענערע און נישט דער גרעסערע". און נישט נאר דעם, נאר ער אויך זיכער געמאכט אז מען זאל אים נישט אויספאפן דורך איבערגעבן באהאלטענע סימנים פאר איר שוועסטער. עס האט אויסגעזעהן ווי לאה האט קיין שום טשאנ"ס נישט...

אמת! אויב וואלט לאה אויך געמאכט דעם זעלבן חשבון, קען זיין אז זי וואלט אויפגעגעבן און געווארן אינגאנצן בעצבות. זי האט שוין פרובירט און עס איז נישט געגאנגען, וואס נאך קען זי דען טוהן??

**אבער ניין, נישט אונזערע אמהות.** לאה האט נישט געמאכט קיין חשבונות, זי האט א טאטן אין הימל און זי געבט נישט אויף! זי האט ווייטער מתפלל געווען און איינגעריסן, מלא תקוה און מלא בטחון, ווייל זי האט געוואוסט אז מען קען קיינמאל נישט וויסן פון וואו און ווען די ישועה גייט קומען, אבער עס גייט זיכער קומען...

### די הייליגע ווערטער פונעם יעב"ץ

(סידור עמודי שמים בהקדמת סולם בית קל בסופו)

בא"ד: אפי' אויב א מענטש דאווענט יעדן איינציגן טאג פאר אסאך יאר אויף א זאך און ער איז נאך אלץ נישט געהאלפן געווארן, זאל ער זיך נישט צוריק האלטן פון דאווענען און בעטן ווייטער יעדן איינציגן טאג...

ווייל דער רבוש"ע איז נישט ווי א בשר ודם. ביי א האר, א בשר ודם איז נישט דא קיין גרעסערע חוצפה ווי ווען מען בעט אים א בקשה איינמאל און נאכאמאל און אפי' מען זעהט אז ער וויל נישט נאכגעבן, גייט מען נאכאמאל אים באמוען פון פריש און מען בעהט אים ווייטער אויף די זעלבע בקשה. דער האר וועט נאר ווערן אויפגערעגט, אים אנשרייען און באזידלען.

משא"כ מדת הקב"ה אינו כן: מען קען אים האלטן אין איין בעטן, ווי די גמרא זאגט: א מענטש זאל ווייטער בעטן. און אדרבא, ווי מער מען בעט אים, אלץ מער שמחה ברענגט מען פארן אייבערשטען. ווי עס שטייט אין מדרש שוחר טוב (סי' ד'), "**הקב"ה כל מה שישראל מטריחין אותו**

---

[א] מדרש תנחומא.

**ומבקשין ממנו, שמחה הוא לפניו**". טאקע דערפאר זאגט דער פסוק "**מי כה' אלקינו בכל קראנו אליו**" (דברים ד,) עכתו"ד.

### פָּנָה אֶל תְּפִלַּת הָעַרְעָר וְלֹא בָזָה אֶת תְּפִלָּתָם.
(תהלים קב, יח)

זאגט דער מצודת פשט: **פנה אל תפילת הערער**, ווען דער רבוש"ע זעהט אז א איד בעט זיך בתמידות, ער געבט נישט אויף, טוט מען זיך פון הימל פונה זיין צו זיין תפילה און דער תפילה איז בוקע רקיעים, **וְלֹא בָזָה אֶת תְּפִלָּתָם.**

לאה'ס תפילות האבן גלייך עושה רושם געווען. עס האט נאר גענומען א שטיקל צייט אז זי זאל זיך דאס דערוויסן און איינזעהן אבער די תפילה האט שוין לאנג אנגעהויבן ווירקן. עפעס האט פאסירט פאר איינעם אין א צווייטע שטאט, אלעס כדי אז זי זאל געהאלפן ווערן...

**לאה'ס תפילות האבן גלייך עושה רושם געווען. עס האט נאר גענומען א שטיקל צייט אז זי זאל זיך דאס דערוויסן און איינזעהן אבער די תפילה האט שוין לאנג אנגעהויבן ווירקן.**

וואס איז געשעהן? אן עלטערע בחור איז געגאנגען אין וועג, ווען פלוצלינג איז ער באפאלן געווארן דורך א באנדע כוליגאנעס. "וואס ווילט איר פון מיר? לאזט מיר אפ!" שרייט דער בחור. "ניין! מיר מוזן דיר הרג'נען!" האט אליפז מיט זיינע חברה געזאגט, "מיין טאטע האט אזוי געהייסן און דו ווייסט דאך אז ביי אונז איז כיבוד אב א גרויסע זאך!"

יעקב אבינו האט זיך אן עצה געגעבן און געזאגט "אליפז, דא האסטו מיין גאנצע געלט, נעם אלעס וואס איך פארמאג און לאז מיר גיין..." (עני חשוב כמת)

**זאגט דער ערוגת הבשם ביי די דרשה פון זיין חתונה:** פארוואס איז דאס געשעהן צו יעקב אינמיטן וועג, אז גייענדיג צו טוהן א שידוך, זאל ער זיך אנטרעפן מיט אזא איבערפאל, עד כדי כך, אז ער זאל בלייבן בעירום ובחוסר כל און גארנישט האבן צו געבן פאר זיין כלה?!

נאר טאקע דאס איז געווען דער השגחה עליונה וואס האט זיך אנגענומען פאר לאה'ס געוויין. ע"פ דרך הטבע, וואלט לאה קיינמאל נישט חתונה געהאט צו יעקב. וואלט יעקב אנגעקומען מיט געלט, וואלט ער גלייך באצאלט פאר לבן, גענומען "רחל" און זיך געגאנגען ווייטער. מה עשה הקב"ה? מען האט צוגענומען יעקב'ס געלט אינמיטן וועג, האט ער נישט געהאט קיין ברירה, נאר זיך צו באזעצן ביי לבן און ארבעטן פאר אים זיבן יאר. אזוי ארום, האט לבן געהאט די געלעגנהייט אריינדרייען לאה, ודפח"ח.

## דער שידוך וואס איז באשערט...

**ויהי היום:** די זיבן יאר פון יעקב'ס ארבעט האבן זיך געענדיגט, **וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל לָבָן הָבָה אֶת אִשְׁתִּי כִּי מָלְאוּ יָמָי...** "ר' לבן, ביטע האלט איין דיין צוזאג און געב מיר דיין טאכטער "רחל" ווי מיר האבן אפגערעדט."

וואס וואלטן מיר יעצט געטראכט? יעצט איז לאה'ס טשאנ"ס טאקע דערנאך, רחל גייט שוין ממש אט אט חתונה האבן מיט יעקב...

אבער פלוצלינג איז איינגעפאלן א משוגעת פאר דעם לבן. ער גייט, נישט מער און נישט וויניגער, אויספאפן יעקב און יא געבן לאה אנשטאט רחל. (און ער האט נאך געהאט גאנצע כוונות דערביי). דער פאפער האט אנגעהויבן וועבן א פלאן און אויסגעארבעט אלע דעטאלן מיט א פונקליכקייט: ווען דער חתונה זאל זיין, ווי אזוי עס זאל זיין, ווי אזוי די ליכט זאלן זיין פארלאשן וכדו'...

**וַיְהִי בָעֶרֶב וַיִּקַּח אֶת לֵאָה בִתּוֹ וַיָּבֵא אֹתָהּ אֵלָיו** (כט, כג). זאגט דער אוחה"ק: פארוואס שטייט "ויקח"? ווייל לכתחילה האט לאה נישט געוואלט גיין, זי איז נישט געווען קיין פאפער... יא, זי האט זייער שטארק געוואלט חתונה האבן מיט יעקב, אבער נישט דורך פאפעריי, ביז... **ולקחה בעל כרחה...**

## די תוצאה פון לאה'ס הייסע תפילות אזויפיל יאר האבן אנגעהויבן שפראצן...

**מען האט איר גענומען מיט געוואלד, געווני ווי אזוי דער אייבערשטער האט געהייסן.** טראץ די אלע באווארענונגען און סימנים וואס יעקב האט געמאכט מיט "רחל", איז די אוממעגליך געווארן מעגליך... לאה איז געווארן די כלה פון יעקב.[ב]

זאגט די מדרש: **אָמַר רַב הוּנָא קָשָׁה הִיא הַתְּפִלָּה שֶׁבִּטְּלָה אֶת הַגְּזֵרָה, וְלֹא עוֹד אֶלָּא שֶׁקָּדְמָה לַאֲחוֹתָהּ** (בר"ר שם עא).

לאה מיט אירע תפילות האבן מבטל געווען איר גזירה און זי האט חתונה געהאט מיט יעקב, און נאך פאר רחל.

~

### וַיְהִי בַבֹּקֶר וְהִנֵּה הִוא לֵאָה, (כט, כה)

אינדערפרי, האט דאס ווירקלעך פאסירט. דער צדיק יעקב האט געזעהן וואס איז געשעהן און אנגעהויבן זיך בייזערן. "אזא זאך! נאך אלע מיינע תנאים מיטן פעטער, נאך אלע סימנים מיט רחל, האב איך דאס באקומען?" ער האט זיך געבייזערט אויף לאה, "**רמאית בת של רמאי**. דו פאפער, די טאכטער פון א פאפער, דו האסט דאך געהערט ביינאכט ווי איך רוף דיר "רחל", פארוואס האסטו מיר געענטפערט כאילו דו ביסט רחל? פארוואס האסטו מיר אויסגע'נאר'ט?"

[ב] די צדיקת רחל, אנשטאט צוריקהאלטן די חתונה, האט נישט געוואלט אז איר שוועסטער לאה זאל ווערן פארשעמט און איר איבערגעגעבן די סימנים. און נישט נאר דאס, נאר די גאנצע צייט ווען יעקב האט גערעדט צו לאה האט רחל געענטפערט כדי יעקב זאל מיינען אז ער האט חתונה געהאט מיט רחל. און שטוב, ווען יעקב האט גערופן זיין כלה "רחל", האט "לאה" געענטפערט כאילו זי הייסט רחל. (מעם לועז)

זאגט די מדרש: לאה האט געענטפערט, "איך האב זיך אויסגעלערנט פון דיר יעקב אז פאר א מצוה מעג מען זאגן ליגנט! נישט אזוי האסטו דען געטוהן איין און צוואנציג יאר צוריק, ווען דיין טאטע האט געשיקט עשו ברענגען עסן, ביסטו שנעל געלאפן און געברענגט. און ווען דיין טאטע יצחק האט דיר געפרעגט ווער דו ביסט, האסטו געענטפערט, "**אנכי עשו בכורך**" כדי צו מקיים זיין כיבוד אם! היינט טוה איך די זעלבע כדי צו מקיים זיין מצות כיבוד אב! ובפרט צו זוכה זיין צו אזא געוואלדיגע חתן, א כליל המעלות, א חסיד ווי דו און נישט ח"ו אריינפאלן אין די הענט פון עשו... פאר דעם בין איך געווען גרייט צו טוהן אלעס אין דער וועלט!"[ג] (מעם לועז)

דער מצב איז נישט געווארן בעסער. לאה איז געווארן פארפיינטעט אין די אויגן פון יעקב און ער האט באקומען א שווער הארץ אויף איר. אזוי אויך, האבן אלע מענטשן איר אנגעהויבן בארעדן, "אזא זאך צו טוהן?! וואלט לאה געווען אביסל ערליכער, וואלט זי קיינמאל נישט געטוהן אזא פאפעריי צו איר אייגענע שוועסטער און צוגעכאפט איר מאן?! אלא מאי, מוז זיין אז אן ערליכער איז זי קיינמאל נישט געווען!"

אזוי האט מען צוזאמגערעדט אויף איר כל מיני לשון הרע ביז יעקב אבינו אליין האט מחליט געווען איר אפצו'גט'ן.

**אבער לאה האט זיך נישט פארלוירן, זי האט נישט אויפגעגעבן. זי האט ארויסגענומען איר אלטע וואפן און געדאווענט ווייטער מיט בכיות נוראות.**

אבער לאה האט זיך נישט פארלוירן, זי האט נישט אויפגעגעבן. זי האט ארויסגענומען איר אלטע וואפן און געדאווענט ווייטער מיט בכיות נוראות. זי האט געבעטן דעם אייבערשטן "רבוש"ע, געב מיר א קינד. איך וויל בשום אופן נישט אנקומען צו די הענט פון דעם עשו. **ענדערשט זאל איך יעצט שטארבן ווי לעבן מיט א רשע.** איך וויל אן ערליכע הייליגע לעבן! רבוש"ע, דו האסט מיר געהאלפן ביז אהער, דו וועסט מיר אודאי ווייטער העלפן!" (מעם לועז ועי' עוד בדברי הרמב"ן עה"פ כי שנואה לאה)

---

**וַיַּרְא ה' כִּי שְׂנוּאָה לֵאָה וַיִּפְתַּח אֶת רַחְמָהּ.** (כט, לא)

---

זאגט דער רמב"ן: **וַיַּרְא ה'**, דער אייבערשטער האט געזעהן אז דער צדיק וויל איר איבערלאזן. **וַיִּפְתַּח אֶת רַחְמָהּ**, האט דער אייבערשטער איר שנעל געגעבן א קינד אז דער שידוך זאל בלייבן. ווי דער מדרש זאגט: **וְכֵיוָן שֶׁפְּקָדָהּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּבָנִים, אָמַר לְאִמָּן שֶׁל אֵלּוּ אֲנִי מְגָרֵשׁ.** (בר"ר עא, ב)

איר כסדר'דיגע תפילות און שטענדיגע השתדלות האט מבטל געווען אלעס וואס מען האט נאר געוואלט אנדרייען אנטקעגן איר.

**וַיַּרְא ה' כִּי שְׂנוּאָה לֵאָה וַיִּפְתַּח אֶת רַחְמָהּ,**
**"וְרָחֵל עֲקָרָה".**

פרעגן די מפורשים (עי' בספר אור התורה): וואס האט רחל געזינדיגט אז זי דארף זיין אן עקרה? נאר די פשט איז, ווי די גמרא זאגט אין יבמות (סד.): פארוואס זענען אלע אמהות געווען עקרות? **לפי שהקב"ה מתאוה לתפלתן של צדיקים**, דער אייבערשטער האט זייער ליב די תפילות פון צדיקים. דערפאר האט ער זיי געמאכט עקרות כדי זיי זאלן איינרייסן מיט תפילות און בקשות.[ד]

אבער לאה, וויבאלד זי האט דאך שוין סייווי געדאווענט און געבעטן די אלע יארן, האט גלייך געקענט האבן קינדער. (עי' בקדושת לוי)

און אז זי האט געהאט קינדער גלייך, איז איר קינד געווען דער בכור! יא, אירע תפילות האבן אזוי עושה רושם געווען, אז אפי' יוסף וואלט באמת געדארפט זיין דער בכור דכתיב **אלה תולדות יעקב יוסף** (בראשית לז, ב), איז איר ראובן געווען דער בכור.[ה] (עיי"ש בגמרא ב"ב)

# לאמיר מאכן דעם סך הכל:

## ווי ווייט האבן לאה'ס תפילות דערגרייכט?

1- עס איז איר געלונגען צו זוכה זיין צו חתונה האבן מיט דעם צדיק יעקב און נישט מיט עשו הרשע.

2- זי איז נישט געווען יעקב'ס צווייטע ווייב, נאר זי האט זוכה געווען צו זיין זיין ערשטע ווייב.

3- זי האט זוכה געווען צו האבן דער ערשטע קינדער און עי"ז, איז איר זוהן געווען דער בכור.

4- זי האט אויפגעשטעלט שבטים פארן צדיק און גענומען מער פון איר חלק.[ו]

5- ועל כולם, לאה איז געבליבן יעקב'ס ווייב אפי' לאחר מיתה. זי האט זוכה געווען צו ליגן מיטן צדיק יעקב אינעם מערת המכפלה.

---

**וַתֹּאמֶר לֵאָה זְבָדַנִי אֱלֹקִים אֹתִי זֵבֶד טוֹב,**
**הַפַּעַם יִזְבְּלֵנִי אִישִׁי כִּי יָלַדְתִּי לוֹ שִׁשָּׁה בָנִים.** (ל, כ)

---

[ג] ועי' בפרדס יוסף שביאור הענין שלא רק שלאה ענתה ליעקב כן, אלא בא בטענה היתה, כיון שאתה אמרת "אנכי עשו בכורך" ומטעמא דקנית את הבכורה. א"כ הרי אני מוכנה הייתי לגדול, והרי כעת אתה הגדול ואין כאן תמורה. (כפי שמבאר שם אהב יצחק עשו כי הוא הבכור ולא מחמת שהוא עשו)

[ד] שמעתי אומרים בשם רביה"ק בעל דברי יואל זצ"ל, ולמה דוקא עקרות ולא שום דבר אחרת, כי הקב"ה ידע שאין דבר בעולם הגשמי שיבקשו ויתחננו מאת הקב"ה כמו בבנים... די אבות גייען נישט איינרייסן אויף קיין שום דבר גשמי, אויסער פאר קינדער וואס דאס איז דער המשכות הדורות.

[ה] לפי"ד עד כה, פארשטייען מיר זייער גוט די סדר הדברים פארוואס לאה האט קודם געגעבן דער נאמען ראובן און הערשט דערנאך שמעון. **ראובן:** ווי די גמרא טייטשט, האט זי געמיינט מיטן נאמען ראובן, "ראו-בן", קוק דער חילוק צווישן מיין קינד און מיין שווער'ס קינד דהיינו עשו... ווייל דאס איז געווען לאה'ס ערשטע דאגה, איך זאל נישט האבן קיין שייכות מיט עשו. **שמעון:** וַתֹּאמֶר כִּי שָׁמַע ה' כִּי שְׂנוּאָה אָנֹכִי. דאס איז געווען לאה'ס צווייטע נקודה, דער אייבערשטער האט צוגעהערט מיינע תפילות.

[ו] כפי שהיתה סבורה מתחילה, י"ב שבטים יצא מיעקב, ד' נשים יש לו, על כרחך ג' ילדים לכל אחד, והיא נטלה הרבה יותר. (רש"י)

ב"ה, לאה האט דערגרייכט. נאך זעקס קינדערלעך קע"ה, האט זי דערגרייכט צו די רואיגקייט צו זיין די אמת'ע ווייב פון יעקב. ווי רש"י זאגט: **מעתה לא תהא עיקר דירתו אלא עמי**, איך האב אזויפיל קינדער מיט אים, מער פון זיינע אנדערע ווייבער.

אין וועמען'ס זכות איז דאס? זאגט דער מלבי"ם: לאה האט געזאגט, "זה אינו בעבור שכר שפחתי, דאס איז נישט די שכר פון מיין שפחה. **רק אותי בעצמי זבד זבד טוב**, נאר אין מיין זכות אליין! מיינע רצונות און מיינע שטענדיגע תפילות האט דאס אלעס געמאכט..."

**זאגט דער אלשיך הק':**

פון די מעשה מיט רחל און לאה, קומט די תורה הק' אונז אויסלערנען די געוואלדיגע מעלות טובות וואס א מענטש קען זוכה זיין ווען ער דאווענט און בעט זיך ביים אייבערשטען. אפי' ווען עס זאל זיין אלע סיבות אין דער וועלט וואס זאגן אנדערש פון דאס וואס ער בעט, הן מצד הטבע און הן מצד השתדלות פון אנדערע, וועט זיין תפילה נאך אלץ גובר זיין אלע שוועריקייטן און ער וועט דאס בעזהשי"ת מנצח זיין.

אדרבא, ווען מען מאכט דעם חשבון, קען מען זעהן וויפיל די טבע האט פאראויסגעזאגט און אויפגעוויזן אז רחל און נישט לאה וועט חתונה האבן מיט יעקב און אעפ"כ, וויבאלד ועיני לאה רכות, שהתחננה לה' ובכה תבכה, האט זי איבערגעשטארקט אלע כוחות הטבעיים.

**וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת איז נישט א פארשעמונג פאר לאה. דאס איז די שענסטע און גרעסטע חשיבות פון לאה, אז זי האט שטענדיג געדאווענט און געבעטן דעם אייבערשטען און דער אייבערשטער האט מקבל געווען אירע תפילות און איבערגעדרייט דער גאנצע טבע העולם פאר איר.** (גמרא שם ב"ב)

### ווען ווערן די תפילות אנגענומען? דאס ווייסט קיינער נישט!

ובאגדת בראשית (פרק ע"ו): איתא, לכל נתן הקב"ה זמן ועת חוץ מן התפילה, אימתי שיתפלל ונענה.

שאילו היה אדם יודע אימתי יתפלל ונענה היה מניח כל הימים ולא היה מתפלל אלא באותו יום.

אמר הקב"ה לפיכך איני מודיע לך אימתי את נענה כדי שתהא מתפלל בכל שעה, שנאמר: **בטחו בו בכל עת** (תהלים סב), שאפי' אבות העולם פעמים נענו ופעמים לא נענו.

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון אדער צו באקומען וועכנטליך
אויף אי-מעיל, קענט איר זיך פארבינדן מיטן עורך
torah10952@gmail.com

# מוסר השכל:

**וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה', עֵת רָצוֹן אֱלֹקִים בְּרָב חַסְדֶּךָ, עֲנֵנִי, בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ.** (תהילים סט, יד)

שאלה: "איך דארף א שידוך", "איך דארף א ישיבה", "איך דארף א דירה"... "אבער וויפיל איך פרוביר שיקן דעם און יענעם, גייט עס נישט. ווי אזוי געבעט מען זיך אן עצה?"

עס איז דא איין איינציגע עצה... **תפילה!** ווי דער רבי ר' בינום מפרשיחסא האט געזאגט: **עצה לכל בר ישראל, שלא יחסרו לו מחסורו... הוא שירגיל תמיד עצמו להתפלל ולמבקש ממנו ית' על כל דבר מקטן ועד גדול.**

דער אייבערשטער האט באשאנקן כלל ישראל מיט די שטערקסטע וואפן וואס הייסט **תפילה**. פאר מען טוט עפעס, פאר מען מאכט עפעס, זאל מען זאגן א תפילה צום אייבערשטען. ועל אחת כמה וכמה, ווען מען איז אין א קלעם און מען זעהט נישט קיין עק, אנשטאט לויפן צו דעם און יענעם, זאל מען זיך בעטן ביים גרעסטן עסקן, מען זאל זאגן א תפילה צום אייבערשטען און זיך איינבעטן ביי אים אז ער זאל העלפן.

דאס איז א חיוב און נישט קיין בונו"ס, ווי דער ספר החסידים שרייבט פחד'יגע ווערטער (סי' תשצ"ט): **אדם בא לדין על מה שיוכל לבקש רחמים ולא ביקש**.

אויב מען האט שוין געבעטן איינמאל, זאל מען זיך נישט אפשטעלן, נאר בעטן נאכאמאל און נאכאמאל. דער אייבערשטער וויל אז מען זאל אים מוטשענען. **ויפגע במקום**, זאגט רש"י: ורבותינו פי' לשון תפילה. שטייט פון ר' דוד לעלובער זי"ע: פארוואס הייסט תפילה בלשון פגע? ווייל תפילה גייט מיט פגע'נען. מען דארף פגע'נען און מוטשענען דעם אייבערשטען איינמאל און נאכאמאל ביז דער ישועה וועט קומען.

זאגט דער הייליגער ראפשיץ רב זי"ע, (בספרו זרע קודש פ' ויגש), ולא יתייאש א"ע מן הרחמים, כי ית"ש חפץ ורוצה ומתאוה לתפילת ישראל, ואע"פ שלא נענה אדם עדיין בתפילתו לא יאמר כבר נסיתי הרבה פעמים ואיני רואה שום ישועה ע"י ת פלתי, עכ"ז יאמר בלבו אחזור ואתפלל תמיד לו ית"ש כי בודאי אהיה מעורר רחמנותו ית"ש...

וויפיל יאר האבן די אמהות געדאווענט פאר קינדער? וויפיל יאר האט לאה געדאווענט פאר איר מאן? לאמיר נישט פארגעסן די כח פון תפילה, עס מאכט **אלעס וואס איז אוממעגליך פאר מעגליך**.

**אֲשֶׁר לָקַחְתִּי מִיַּד הָאֱמֹרִי בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי**, זאגט רש"י: ווי אזוי האט יעקב באקומען די בכורה, ער איז דאך געווען דער צווייטער? **בחכמתו ותפלתו**. נאר מיט די כח פון תפילה.

# הערות פון די לייענער

**לכבוד המערכת,**

לעצטע וואך, האט איר אזוי שיין געשריבן און מסביר געווען ווי אזוי די פלישתים האבן מקנא געווען יצחק און תולה געווען זיין הצלחה אין נארישקייטן, ווי למשל זיין מיסט, זיין וואסער, און ער נעמט גאר צו זייער מזל...

אבער דאס אז דער יד ה' קען מאכן א מענטש מצליח זיין אין א הונגער יאר, דאס איז זיי נישט איינגעפאלן.

ווי פאסיג איז צוצושטעלן דעם ענין צו די גמרא (מגילה דף ו) ווי עס ווערט געברענגט אז יעדע שבט האט באקומען א חלק אין א"י, אבער נישט יעדע חלק האט אויסגעקוקט אייניג. ווען זבולן האט געזעהן וואספארא שיינע חלק זיין ברודער האט באקומען און וואספארא חלק ער האט באקומען, האט אים אויסגעקוקט כאילו זיין ברודער האט אלע כלים צו מצליח זיין אינדערצייט וואס ער האט נישט אזא מעגליכקייט.

זבולן האט געהאט טענות צום רבוש"ע און געזאגט, "מיין ברודער נפתלי האסטו געגעבן שיינע פעלדער, וויינגערטנער און פיל פראפערטי"ס און מיר האסטו געגעבן גרויסע בערג און טאלן, ימים און טייכן?! וואס קען איך שוין מאכן מיט דעם? איז דאס גערעכט?!"

**זאגט אים דער רבוש"ע**, "נישט דאס וואס דו זעהסט מיט די אויגן, דאס מיינט הצלחה. איך וועל דיר געבן א ברכה אז דיין וואסער און דיין זאמד וועט דיר געבן פונקט אזא הצלחה ווי די פעלדער און וויינגערטנער.

דיין ים וועט זיין עפעס וואס יעדער וועט דארפן צוקומען צו דיר. די חלזון אין דיין זאמד וועט זיין זייער טייער און העכסט געזוכט. דיין ווייסע גלאז וועט זיין א יקר המציאות,

ווייל נישט די פעלדער איז דאס וואס איז מצליח, איך בין דער וואס געבט די הצלחה און איך וועל מאכן די זעלבע הצלחה ביי דיר ווי ביי דיינע ברודער".

**אמר לפניו, "רבונו של עולם, מי מודיעני?** פון וואו וועל איך וויסן אויב איינער נעמט ארויס די זאכן בלי רשות? עס ליגט דאך פריי פאר יעדעם!" זאגט אים דער רבוש"ע, "דאס וועסטו אויך באקומען, א סקיורעט"י סיסטע"ם, סימן זה יהא לך כל הנוטל ממך בלא דמים אינו מועיל בפרקמטיא שלו כלום, קיינער וועט פון דיר גארנישט קענען צונעמען."

דאס לכאורה איז געווען אייער עיקר נקודה לגבי מקנא זיין. ווען איינער גלייבט און ווייסט אז דער עיקר איז דער יד ה', דעמאלטס נישט קיין חילוק וואס ער האט און וואו ער האט, קען ער אייביג האבן א געוואלדיגע הצלחה און קיין איין מקנא קען דאס נישט צונעמען פון אים. אויב אזוי, וואס באדערט דיר וואס דיין חבר האט?!

*ישר כח, ש.י.מ.*

# צידה לדרך

### א נחמה פאר אחינו בני ישראל השרויין בגולה!

## א חידוש פונעם כתב סופר!

### אבימלך מיינט נאר יצחק'ס טובה!

**וַנֹּאמֶר תְּהִי נָא אָלָה בֵּינוֹתֵינוּ, בֵּינֵינוּ וּבֵינֶךָ וכו' כט אִם-תַּעֲשֵׂה עִמָּנוּ רָעָה, כַּאֲשֶׁר לֹא נְגַעֲנוּךָ, וְכַאֲשֶׁר עָשִׂינוּ עִמְּךָ רַק טוֹב, וַנְּשַׁלֵּחֲךָ בְּשָׁלוֹם; אַתָּה עַתָּה, בְּרוּךְ ה'.**

לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס קומט אבימלך יעצט זאגן פאר יצחק, **"איך האב דיר נאר א טובה געטוהן!** איך האב דיר פארשיקט בשלום!"[א] וועלכע טובה איז דאס אז מען ווארפט ארויס מיט בזיונות א משפחה מיט זייער פארמעגן פון א שטאט?! יצחק אליין וואונדערט זיך, "**וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם יִצְחָק, מַדּוּעַ בָּאתֶם אֵלָי; וְאַתֶּם שְׂנֵאתֶם אֹתִי, וַתְּשַׁלְּחוּנִי מֵאִתְּכֶם.**"

זאגט די כתב סופר: דא ליגט א געוואלדיגע טובה און א מוסר השכל פאר אונז אידן אין גלות. ומעשי אבות סימן לבנים.

(ותו"ד, לפי דברי הרמב"ן: די אלע בארות וואס יצחק האט געגראבן זענען מרומז אויף די גלות'ן און די גאולה עתידה, עיי"ש. זאגט די כתב סופר: ונ"ל אז די מעשה אליין איז אויך מרומז אויף גלות.)

**דאס וואס האט דעמאלטס פאסירט פאר יצחק, פאסירט יעצט פאר אונז אין גלות.** יצחק האט געוואוינט אין ארץ כנען. דארט איז ער נתעשר געווארן בעושר עצום. וואס האט נאכדעם פאסירט? אבימלך האט פארשיקט יצחק פון זיין שטאט צוליב די טענה פונעם פאלק אז זיין רייכטום איז זייערע! יצחק האט פארדינט זייער פארמעגנס! וואלט ער נישט דא געווען, וואלטן זיי אלע פארדינט אסאך מער!

פונקט אזוי ליידער געשעהט בזמנינו האלה אין גלות. די שנאת העמים פארמערט זיך מער און מער. וועו די גוים זעהן די עשירות און פארמעגנס פון די אידן, זאגן זיי "די גאנצע פארמעגנס וואס די אידן האבן קומט פון אונז![א] זיי עסן און טרונקן אויף אונזער חשבון! זיי פארמערן פארמעגנס פון אונזער געלט!" און אזוי געפונען מיר אין די ספרים אז די מלכות'ן האבן כמה פעמים גוזר געווען שווערע גזירות אויף אידן רח"ל מיט שטייערן, שטראפן, ולפעמים עד כדי כך, אז זיי האבן ארויסגעגעבן א גירוש אויף אלע אידן פון זייער לאנד.

פאר די צובראכענע אידן נעבער, האט דאס אויסגעקוקט ווי דער מלך האט זיי ביטערליך פיינט. אבער סוף כל סוף, זענען זיי טיילמאל געוואויר געווארן אז ביים מאכן די גזירה, האט מען גאר אינזין געהאט זייער טובה, זיי מציל צו זיין פון די העסליכע פיינט וואס וואלטן זיי ח"ו אומגעברענגט מיט רציחה און בארויבט, נאר צוליב זייער כעס און קנאה.

זאגט דער כתב סופר: פונקט דאס האט דא פאסירט ביי יצחק. די פלשתים האבן אים מקנא געווען און עס האט זיך אנגעהויבן א גאנצע העץ קאמפיין. דער עולם איז געווען ברוגז און געשריגן "פון אונז האסטו פארדינט די געלט!" אבימלך אבער, צוליב זיין אהבה צו יצחק, האט געוואלט אים ראטעווען פון די הענט פון דעם אויפגערעגטן פאלק. ברבים, האט ער געמוזט שפילן דעם שפיל כאילו ער פארטרייבט אים און שרייט אויף אים פונקט ווי דער פאלק שרייט.

**אבער באמת האט ער נאר אינזין געהאט צו בארואיגן די כעס און אויפגערעגטקייט פונעם פאלק אז זיי זאלן נישט שעדיגן יצחק.**

דאס זאגט אים יעצט אבימלך: וַיֹּאמְרוּ, רָאוֹ רָאִינוּ כִּי הָיָה ה' עִמָּךְ, איך און מיינע שרים האבן שוין לאנג געוואוסט אז דיין גאנצע פארמעגן קומט נאר פונעם אייבערשטער אליין און בכלל נישט פון אונז. דערפאר, בעט איך דיר, זיי מיר מוחל אבער איך מוז דאס טוהן. גלייב מיר אז איך האב באמת נאר געמיינט דיין טובה. וכַּאֲשֶׁר לֹא נְגַעֲנוּךָ... וַנְּשַׁלֵּחֲךָ בְּשָׁלוֹם, כדי מען זאל דיר גארנישט טשעפענען. איך וויל דיר פארשיקן בשלום, נישט ווי א געשעדיגטער."

ענדיגט צו דעם כתב סופר:

**ומעשה אבות סימן לבנים בכל דור ודור.**

וה' יודע מחשבות, ולב מלך ושרים ביד ה'. (והענין נכון.)